# אמונה ובטחון

## מלתא חדתא

מאמרי קודש
שמועסן און דברי תורה
געהערט מפי קדשו פון כבוד קדושת מרן
אדמו"ר רבי **דוד חי אביחצירא** שליט"א

**דברי חיזוק**
**אין אמונה און בטחון**

ארויסגעגעבן בס"ד דורך מכון 'אור לישרים'
שע"י ישיבת 'אביר יעקב'
און מוסדות 'אור מאיר שמחה' נהריה
תשפ"ה לפ"ק

**מהדורת אחים**

# מלתא חדתא

©
כל הזכויות שמורות

לישיבת **אביר יעקב**
**אור מאיר שמחה נהריה**
רח' אביר יעקב 27
נהריה

נדפס על נייר חו"ל
שאין בו חשש חילול שבת

הארות והערות יתקבלו בברכה
**מכון אור לישרים**
רח' יוסף הכמי 30 ירושלים
פקס: 03-5423180

office@oz-vehadar.com

עימוד ועיצוב:
**שמואל סאמעט**

**הפצה והזמנות: 'היכלי תורה'**
בארץ ישראל: טלפון: 02-9924603 | פקס: 03-5435884
בארה"ב: טל': 718-437-0054 | פקס: 718-437-3514
באירופה: טל': 44-191-430-0333 | פקס: 44-191-430-0555

# אמונה און בטחון - א יסוד אין עבודת השם

**אמונה ברענגט צו בטחון, וואס ברענגט צו טון דעם רצון השם מיט מער שלימות און כוונה**

**פון** די הויפט יסודות אין עבודת השם איז די מצוה פון בטחון, וואס באשטייט פון דעם אז א מענטש גלייבט און פארלאזט זיך אויפ׳ן באשעפער, וואס מיט זיין גרויס רחמנות און חסדים פירט ער אונז און קוקט זיך אום מיט השגחה פרטית אויף יעדן מענטש און אויף יעדער מעשה, קליין אדער גרויס[א]. אבער אנצוקומען צו דער מדריגה פון אמת׳ן בטחון, אז מ׳פארלאזט זיך אלעס אויפ׳ן באשעפער, קען מען נאר ווען א מענטש לעבט מיט אמונה אז אלעס איז פונעם באשעפער און ער איז דער ״עשה ועושה ויעשה לכל המעשים״, און אזוי קומט מען טאקע אן צו א שלימות׳דיגן בטחון, און פון דעם שפראצן ארויס די צווייגן פאר עבודת השם, לימוד און עסק התורה און קיום המצוות.

**ווען** א מענטש טראכט אריין ווי ווייט זיין גאנץ לעבן ליגט אין די הענט פונעם באשעפער, פארבינדט ער זיך מיט א שטארקן קשר צו זיין שורש, און ער וויל טון דעם רצון השם. און דאס איז דאך זיכער אז אמונה האט א שטארקע השפעה אויפ׳ן דאווענען פון א מענטש, ווייל ווען ער דאוונט ווענדט ער זיך צום באשעפער אין ווען ער גלייבט מיטן גאנצן הארץ, און פארלאזט זיך אויף אים אז ער וועט ענטפערן זיינע תפילות, ווייל עס ליגט בלויז אין זיינע הענט צו טון גוטס און זיך זארגן פאר דעם מענטשנ׳ס באדערפענישן[ב].

**דער וואס גייט מיט תמימות איז זוכה צו א קירבה עליונה**

**און** דאס זאגט אונז די הייליגע תורה (דברים יח, יג): ״תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה׳ אֱלֹקֶיךָ״, און ווי רש״י טייטשט: ״הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת

---

**א.** ווי דער חובת הלבבות שרייבט (שער הבטחון פ״א): ״מהות הבטחון היא מנוחת נפש הבוטח, ושיהיה לבו סמוך על מי שבטח עליו שיעשה הטוב והנכון לו בענין אשר יבטח עליו כפי יכולתו ודעתו במה שמפיק טובתו.״

**ב.** דעריבער דארף א מענטש דאווענען מיט אמונה אז דער אויבערשטער ווייסט וואס איז גוט פאר אים, ווי דער הייליגער קדושת לוי זי״ע זאגט אויף די משנה (אבות פ״ב מי״ג) ״וכשאתה מתפלל אל תעש תפילתך קבע אלא רחמים ותחנונים לפני המקום ברוך הוא״, אז ווען דער צדיק דאוונט צום באשעפער, זאל ער אכטונג געבן נישט צו דאווענען עס זאל זיין ווי ער וויל, נאר בעטן אז דער אויבערשטער זאל אים געבן לויט זיין חסד און רחמנות וויאזוי ער פארשטייט. דאס איז דער באדייט פון ״יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳״ (תהלים יט, טו), מיר בעטן ׳יהיו לרצון אמרי פי׳, די תפילה וואס איך דאוון, זאל זיין ׳לפניך ה׳״ -

וּתְצַפֶּה לוֹ, וְלֹא תַּחְקֹר אַחֲרֵי הָעֲתִידוֹת אֶלָּא כָּל מַה שֶּׁיָּבוֹא עָלֶיךָ קַבֵּל בִּתְמִימוּת וְאָז תִּהְיֶה עִמּוֹ וּלְחֶלְקוֹ", עכ"ל. און אזוי קען מען דערגרייכן ביז צום מלך מלכי המלכים ווען מ'גייט מיט תמימות, ווי דער ספרי זאגט (שם פי' קע"ג): "כְּשֶׁאַתָּה תָּם — חֶלְקְךָ עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", און אזוי האט דוד המלך געזאגט (תהלים כו, יא): "וַאֲנִי בְּתֻמִּי אֵלֵךְ פְּדֵנִי וְחָנֵּנִי; וַאֲנִי בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ בִּי וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם" (שם מא, יג).

**און** די בחינה פון זיין 'עִם ה' אֱלֹקֶיךָ' קען מען ערקלערן לויט די ווערטער פון רבינו בחיי, וואס שרייבט אויף דעם וואס עס שטייט ביי משה רבינו ע"ה (שמות לד, כח): "וַיְהִי שָׁם עִם ה'", וז"ל: לְשׁוֹן 'עִם ה'' יוֹרֶה שֶׁהוּא נִזּוֹן מִמִּדַּת הַחֶסֶד וּמִזִּיו הָאוֹר הָעֶלְיוֹן, שֶׁהֲרֵי כְּתִיב (תהלים קל, ז): "כִּי עִם ה' הַחֶסֶד", וּכְתִיב (דניאל ב, כב): "וּנְהוֹרָא עִמֵּהּ שְׁרֵא, וְכֵן צַדִּיקִים לָעוֹלָם הַבָּא חַיִּים וְנִזּוֹנִים מִמִּדַּת הַחֶסֶד וּמִזִּיו הָאוֹר הָעֶלְיוֹן", הוּא שֶׁכָּתוּב (תהלים לו, ח—י): "מַה יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹקִים וּבְנֵי אָדָם בְּצֵל כְּנָפֶיךָ יֶחֱסָיוּן; יִרְוְיֻן מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ וְנַחַל עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם; כִּי עִמְּךָ מְקוֹר חַיִּים בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה אוֹר",

עכ"ל. און צו אונזער ענין קענען מיר זאגן אז אויך דאס וואס שטייט דא, תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ, מיינט אז דורך בטחון איז מען זוכה אנצוקומען צו דער העכסטער מדריגה וואס ווערט געשפייזט פון דער מידת החסד און פון דעם אויבערשטנ'ס ליכטיגקייט, צוליב וואס דער מענטש איז נאנט מיטן אויבערשטן ווען ער גייט מיט תמימות.

### אמונה ברענגט התחדשות

**נאך** זאגן צדיקים, אז לויט וויפיל א מענטש שטארקט זיך מיט אמונה און בטחון אינעם באשעפער, אזוי לייגט די אמונה אריין אין אים פרישע כוחות און שטארקייט, אזוי ווי א קנין חליפין, אז כביכול דער מענטש גיט זיין האפענונג און בטחון צום אויבערשטן, און דערפאר גיט מען אים פון הימל פרישע כוחות, אזוי ווי עס איז מרומז אין פסוק (ישעיה מ, לא): "וְקוֹיֵ ה' יַחֲלִיפוּ כֹחַ", דאס ווארט 'יַחֲלִיפוּ' איז א לשון פון קנין חליפין, אז דער אויבערשטער גיט כח פאר די מאמינים אין אויסטויש פאר זייער אמונה אין אים.[ג]

---

אזוי ווי דו באשעפער ווילסט. דאס איז די כוונה פון חז"ל "אל תעש תפלתך קבע", אז דער מענטש זאל נישט דאווענען כאילו ער באפעלט דעם באשעפער וואס צו טון, נאר עס זאל זיין 'רחמים ותחנונים לפני המקום', ער זאל בעטן דער באשעפער זאל אים געבן לויט זיין גרויסן חסד און רחמנות און נישט פונקט וואס ער בעט.

**ג.** עס ווערט דערציילט אויף דעם מהר"ם שיק, אז ווען ער איז געווען קראנק האט ער זיך מזכיר געווען פאר'ן ייטב לב זי"ע פאר א רפואה שלימה. האט דער ייטב לב אים געענטפערט, עס שטייט דאך 'וקווי ה' יחליפו כח', און 'יחליפו' איז א לשון פון חליפין, און אזוי ווי ביי קנין חליפין 'כיון שזכה זה נתחייב זה בחליפיו' (קידושין כח.), אזוי אויך גיט דער אויבערשטער כח פאר דעם מידן מענטש, און מיר קויפן דעם כח פון דעם אויבערשטן מיט א קנין חליפין, מיר געבן אים אונזער אמונה און בטחון און באקומען דערפאר כח.

# אמונה פשוטה איז פאר אלעם

### נאר נאכ׳ן איינווארצלען די אמונה פשוטה קען מען זען און פארשטיין

**רעדנדיג** פון אמונה, דארפן מיר צוערשט ברענגען וואס דער הייליגער רבי יחיאל מאיר מאסטראווצא זי״ע שרייבט (מאיר עיני חכמים תניינא דרוש למסכת ברכות), און אזוי פלעגן אויך זאגן חסידים און ערליכע אידן. מיר זאגן ביים דאווענען "אֵין כֵּאלֹקֵינוּ אֵין כַּאדוֹנֵנוּ וכו׳, מִי כֵאלֹקֵינוּ מִי כַאדוֹנֵנוּ וכו׳", אבער לכאורה איז נישט פארשטענדליך, מען וואלט צוערשט געדארפט פרעגן א שאלה און דערנאך ענטפערן דעם תירוץ, אבער דא ענטפערט מען פריער 'אֵין כֵּאלֹקֵינוּ', און ערשט דערנאך פרעגט מען 'מִי כֵאלֹקֵינוּ'.

**האט** דער רבי פון אסטראווצא ערקלערט א גרויסן יסוד אין דעם וועג פון אונזער אמונה, אז ווען א מענטש וויל פארשן מיט זיין שכל די מציאות פונעם באשעפער און פארשטיין אלע אמונה׳דיגע אנגעלעגנהייטן דורכ׳ן ברענגען ראיות און שכל׳דיגע ערקלערונגען, דארף ער צוערשט איינווארצלען אין הארצן דעם מושג פון אמונה פשוטה — ווייל אזוי האט ער עס באקומען פון זיינע עלטערן, ער זאל דאס אריינקריצן טיף אין הארצן, און ערשט דערנאך קען ער גיין ברענגען ראיות וכו׳.

**דערפאר** זאגן מיר קודם, "אֵין כֵּאלֹקֵינוּ אֵין כַּאדוֹנֵנוּ", ווייל פריער דארף מען איינקריצן און באפעסטיגן אין הארצן אז 'אֵין כֵּאלֹקֵינוּ אֵין כַּאדוֹנֵנוּ', אן קיין שום שאלות און חקירות, און נאר נאכדעם וואס דאס איז שוין גוט איינגעווארצלט אין הארצן, האט מען רשות צו פארשן און זוכן מיט׳ן אייגענעם שכל 'מִי כֵאלֹקֵינוּ מִי כַאדוֹנֵנוּ', און באשטעטיגן ביי זיך די אמונה אין באשעפער דורך לאגישע באווייזן און שכל׳דיגע ראיות.

### אמונה פשוטה — דער טויער צו אלע מדריגות פון קדושה

**דער** גאנצער יסוד פון אידישע קינדער איז פשוט׳ע אמונה, אן קיין שום ספיקות און חקירות, אז אֵין כֵּאלֹקֵינוּ, ער איז איינער און איינציג. און ווען א מענטש גייט אויף דעם וועג, איז ער זוכה צו מדריגות פון קדושה אפילו העכער פון זיין השגה, ווי מ׳זעט וואס די צדיקים שרייבן אז אין יחזקאל׳ס נבואה איז מרומז די ראשי תיבות פון 'אמונה' (א, א): "נִ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֱ׳לֹקִים", ווייל דורך פשוט׳ער אמונה און תמימות איז מען זוכה צו דביקות אין באשעפער און מען באקומט א מורא׳דיגע ליכטיגקייט פון הימל.

**עס** איז באקאנט וואס דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע האט געזאגט איידער זיין הסתלקות, ״נאך אלע מיינע השגות וואס איך האב דערגרייכט אין די שרשים פון תורה און מצוות און נאך אלע מיינע תענוגים פון די השגות, לייג איך אוועק אלע השגות און איך האלט זיך צו מיין פשוט׳ער אמונה״[א]. דער הייליגער בעל שם טוב, וואס האט באלויכטן די וועלט מיט זיין אויסטערלישן צדקות און קיין שום סוד איז נישט געווען באהאלטן פון אים, זאגט עדות אויף זיך אליין אז ער לייגט אוועק זיין גאנצע קדושה און זיינע השגות, וואס קיין מענטש קען נישט פארשטיין מיט זיין שכל ווי הויך ער איז געשטיגן אין קדושה, און ער האלט זיך נאר אין פשוט׳ער אמונה.

### אמונה אלס הקדמה און ארייינפיר צו עבודת ה׳

**די** עבודה פון אמונה גייט אן אגאנץ לעבן, און קיין שום עובד ה׳ איז נישט פטור דערפון, אפילו נאכ׳ן ארבעטן אויף זיין אמונה פאר א לאנגער צייט, ווייל עס איז נישטא קיין סוף צו אירע מדריגות. אפילו אויב עס דאכט זיך אמאל אז מען האט שוין זוכה געווען איינצואווארצלען די אמונה אין זיך, דארף מען נאך אלץ א שטענדיגע התחזקות אז די אמונה זאל נישט פארלוירן גיין פון הארצן, אין א בחינה פון ״הֲתָעִיף עֵינֶיךָ בּוֹ וְאֵינֶנּוּ״ (משלי כג, ה). און אויף דעם קומט דער רמז אז ׳עֶבֶד הֲוָיָ״ה׳ וואס איז בגימטריא ׳אֱמוּנָה׳, אז דאס איז דער עיקר עבודה פון יעדן עובד ה׳, זיך שטענדיג צו שטארקן אין דעם ענין פון אמונה.

**אמונה** איז דער יסוד און עיקר פון אלע מצוות פון דער תורה, ווי חז״ל זאגן (מכות כג:): ״שֵׁשׁ מֵאוֹת וּשְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִצְוֹת נֶאֶמְרוּ לוֹ לְמֹשֶׁה, בָּא דָוִד וְהֶעֱמִידָן עַל אַחַת עֶשְׂרֵה[ב], בָּא יְשַׁעְיָהוּ וְהֶעֱמִידָן עַל שֵׁשׁ[ג], בָּא מִיכָה וְהֶעֱמִידָן עַל שָׁלֹשׁ[ד], חָזַר יְשַׁעְיָהוּ וְהֶעֱמִידָן עַל שְׁתַּיִם[ה], בָּא חֲבַקּוּק וְהֶעֱמִידָן עַל אַחַת שֶׁנֶּאֱמַר (חבקוק ב, ד) ״וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה״. און אוודאי טאר מען זיך נישט רירן אפילו א האר פון אלע תרי״ג מצוות התורה, נאר מיט דער ירידת הדורות האבן די חכמים געזוכט א וועג וויאזוי יעדער איינער קען צוקומען מקיים צו זיין אלע מצוות, ווען יעדער צדיק האט אוועקגעשטעלט א וועג וואס אויב גייט מען אויף דעם וועג וועט מען קענען מקיים זיין אלע תרי״ג מצוות ווי עס דארף צו זיין. אזוי האבן זיי ווייטער צוזאמגעצויגן די יסודות, ביז חבקוק איז

---

**א.** זע אין תשואות חן (ויחי ד״ה או יאמר המלאך) וואס שרייבט: ״כמו שאמר הבעל שם טוב זללה״ה שבעת הנסיון לאדם הוא בבחינת הסתלקות הדעת, וביאר בזה ׳והאלקים נסה את אברהם׳ שאלקים הוא מוחין דקטנות כידוע, ואז ׳נסה את אברהם׳ כשהיה בבחינת הקטנות״.

**ב.** אויסגערעכנט אין מזמור כ״ג אין תהלים, ׳הולך תמים׳, ׳ופועל צדק׳, ׳ודובר אמת בלבבו׳, ׳לא רגל על לשונו׳, ׳לא עשה לרעהו רעה׳, ׳וחרפה לא נשא על קרובו׳, ׳נבזה בעיניו נמאס׳, ׳ואת יראי ה׳ יכבד׳, ׳נשבע להרע ולא ימיר׳, ׳כספו לא נתן בנשך׳, און ׳שוחד על נקי לא לקח׳.

**ג.** אויסגערעכנט אין ספר ישעיה (לג, טו), ׳הולך צדקות׳, ׳ודובר מישרים׳, ׳מואס בבצע מעשקות׳, ׳נוער כפיו מתמוך בשוחד׳, ׳אוטם אזנו משמוע דמים׳, ׳ועוצם עיניו מראות ברע׳.

**ד.** ׳עשות משפט׳, ׳ואהבת חסד׳, ׳והצנע לכת עם אלקיך׳ (מיכה ו, ח).

**ה.** ׳שמרו משפט׳, ׳ועשו צדקה׳ (ישעיה נו, א).

אנגעקומען צום יסוד און עיקר אין וועלכן אלעם איז אפהענגיג, און דאס איז דער יסוד פון אמונה אין באשעפער. און מיט דעם כח פון אמונה קען מען ברענגען אויף זיך א כח און הילף זיך צו שטארקן אין עבודת ה׳, ווייל אמונה איז א לשון פון המשכה[ו], און דער וואס גלייבט אין באשעפער קען ממשיך זיין צו זיך הילף אין אלע ענינים פון עבודת ה׳[ז].

**און** אזוי שטייט (תהלים קיט, פו): ״כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה״, און ווי דער אור שבעת הימים, מרן הבעל שם טוב הקדוש זי״ע, האט גע׳דרשנ׳ט דעם פסוק, אז דער יסוד פון אלע מצוות התורה ווענדט זיך אין דער מצוה פון אמונה, ווייל ווען א מענטש גלייבט וועט ער דורכדעם צוקומען צו תפילה, מקיים זיין מצוות און לערנען די הייליגע תורה[ח].

---

**ו.** ווי געברענגט אין אוהב ישראל (נח) בשם דעם מגיד מזלאטשוב זי״ע, אז דאס ווארט אמונה האט צוויי טייטשן, איינס איז כפשוטו, גלייבן אין א זאך אז זיכער וועט אזוי זיין. און נאך א טייטש, אמונה איז פון לשון ׳ויהי אומן את הדסה׳ (אסתר ב, ז) א לשון פון המשכה און האדעווען, ווייל אמונה האט א כח אראפצוברענגען די זאכן אין וואס מ׳גלייבט, און דורכדעם וואס מ׳גלייבט אין באשעפער און מ׳פארלאזט זיך אויף אים מיט א גאנצער אמונה אויף א געוויסער זאך ווערט עס נמשך און קומט מיט א שלימות.

**ז.** מען קען זאגן אז פארוואס האט פונקט חבקוק הנביא אוועקגעשטעלט די גאנצע תורה אויף איין פוס ׳וצדיק באמונתו יחיה׳, ווייל עס איז באקאנט (זוהר הקדמה ז:) אז דער בן השונמית וואס אלישע האט מחיה געווען איז געווען חבקוק הנביא, וואס אין אנהייב האט אלישע געמיינט מחיה צו זיין איר זון אין זכות פון דעם וואס שונמית האט אים צוגעשטעלט זיינע געברויכן און אזוי האט ער געוואלט ממשיך זיין א ישועה מחוץ לדרך הטבע, ווי עס איז מרומז אין די ווערטער פון אלישע צו זיין משרת גיחזי (מלכים ב׳ ד, כט) ׳ושמת משענתי על פני הנער׳. ער האט געמיינט אז דער זכות פון שונמית וואס האט אים צוגעשטעלט זיינע געברויכן וועט איר ברענגען א ישועה, און דערפאר האט ער געשיקט זיין באדינער מיט זיין שטעקן, אבער באמת איז די ישועה געקומען נאר אין זכות פון איר תמימות׳דיגער אמונה אין דעם כח פון צדיקים אויפצולעבן טויטע, און דערפאר האט גיחזי נישט געהאט דעם כח אויסצופירן די שליחות, ווייל שונמית האט דערקענט זיין שלעכטע נאטור און נישט געגלייבט אין זיין כח, אבער די אמונה אין דעם כח פון דעם נביא איז איר בייגעשטאנען לעבעדיג צו מאכן איר זון.

אפילו עס איז איר נישט אנגעקומען גרינג, ווייל איידער דער ישועה האט מען געפראוווט איר אמונה און ווען אלישע האט איר געפרעגט ׳השלום לילד׳ האט זי געהאט א פתחון פה צו קומען זאגן אז דער נביא ווייסט נישט די נסתרות און דער אויבערשטער האט אים נישט דערציילט, אבער מיט דעם אלעם האט זי זיך געשטארקט אין אמונת צדיקים און נישט געצווייפלט אין דעם כח פונעם צדיק. אזוי האט איר אמונה געברענגט א ישועה מחיה צו זיין איר זון. מיט דעם פארשטייט מען דעם ספעציעלן קשר צווישן חבקוק הנביא און צו דעם אז ער האט אוועקגעשטעלט די תורה אויף איין פוס, ווייל טאקע חבקוק, וואס זיין גאנץ לעבן שטאמט פון יענער אמונה וואס זיין מוטער האט געהאט אינעם נביא - ער איז דער וואס קען אוועקשטעלן די גאנצע תורה אויף דער מצוה פון אמונה, וואס פון איר קען מען אנקומען מקיים צו זיין אלע מצוות.

**ח.** דער דגל מחנה אפרים (ריש עקב) ברענגט אין נאמען פון זיין זיידן דעם בעל שם טוב זי״ע: ״כלל גדול לעבודת הבורא ברוך הוא, העיקר הוא ההאמנה, ועל זה היה מזהיר אדוני אבי זקני זי״ע, וזהו שורש לכל התורה והעבודה, וזהו שאמר דוד המלך עליו השלום ׳כל מצותיך אמונה, שקר רדפוני עזרני׳, כי עיקר המצוות היא האמונה להאמין בה׳, ומי שהוא מאמין בה׳ יכול להתפלל בכל יום, כי אם הוא מאמין שה׳ הוא מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, הוא בכל יום בריה חדשה, וכל העולמות הם ברואים חדשים,

### דער תכלית הבריאה איז צוצוקומען צו אמונה

**וויבאלד** אמונה איז דער יסוד פון אונזער עבודת ה׳, האט דער אויבערשטער אנגעהויבן די הייליגע תורה מיט׳ן דערציילן דעם באשאף פון הימל און ערד און די גאנצע עבודה פון די אבות און זייער אראפגיין אין גלות, און ערשט דערנאך דערמאנט יציאת מצרים, וואס דאס איז דער אנהייב פון ווען אידן זענען געווארן דאס אויסדערוועלטע פאלק, ווען די שלימות פון דער בריאה איז פארפולקאמט געווארן ביי מתן תורה און די וועלט האט באקומען א קיום[ט].

**חז״ל** ערקלערן — און רש״י ברענגט עס אין אנהייב פון דער תורה — אז די תורה האט זיך לכאורה געדארפט אנהייבן נאר פון ״הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם וכו׳״ (שמות יב, ב), וּמַה טַּעַם פָּתַח בִּבְרֵאשִׁית? נאר וועגן ״כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ״ (תהלים קיא, ו)[י]. ווייל אין דעם גאנצן פראצעדור פון חומש בראשית געפינט מען דעם כח פון באשעפער, סיי אין דער באשאפונג פון הימל און ערד, און סיי דערנאך ביי נח, דעם דור המבול און דור הפלגה, און נאכמער ווען די הייליגע אבות זענען געקומען אויף דער וועלט, וואס ביז דאן איז די וועלט געפירט געווארן אין פינסטערניש ביז אברהם אבינו איז געקומען און האט באלויכטן די וועלט[יא], און נאך אים יצחק און יעקב ע״ה, און די שבטי י-ה וואס זענען אראפגעגאנגען קיין מצרים אויסצולייטערן אלע ערטער אין דער וועלט וואס עקזיסטירן בלויז אדאנק דעם כח און מעשים פון באשעפער.

**און** דאס איז טאקע דער טעם פארוואס די תורה האט אנגעהויבן מיט בראשית, אז אלע זאלן וויסן און גלייבן אז עס איז דא א

---

וצריך להתפלל וליתן שבח והודיה למי שברא הכל, וגם ברא אותו להתפלל על נפשו ונפש אשתו ובניו ועל פרנסתו וכל טוב, ואם אינו מאמין באמונה שלימה שהקדוש ברוך הוא מחדש בכל יום מעשה בראשית, התפלה והמצוות נעשין אצלו כדבר ישן ורגיל ונמאס אצלו לדבר דברים אחדים בכל יום ויום״, עי״ש.

**ט.** ווי די גמרא זאגט (שבת פח.): ״אמר ריש לקיש, מאי דכתיב (בראשית א, לא) ׳ויהי ערב ויהי בקר יום הששי׳, ה״א יתירה למה לי. מלמד שהתנה הקדוש ברוך הוא עם מעשה בראשית, ואמר להם, אם ישראל מקבלים התורה, אתם מתקיימין, ואם לאו, אני מחזיר אתכם לתוהו ובוהו״.

ווייל דאס איז דער טאג אויף וועלכן דער באשעפער, די תורה, און אלע עליונים ותחתונים האבן געווארט זינט בריאת העולם, אז ווען וועלן אידישע קינדער קומען פון מדבר סיני. ביז עס איז אנגעקומען דער טאג ׳ביום הזה באו׳ וגו׳, ווען הימל און ערד האבן זיך געפרייט אז דער תכלית הבריאה ווערט מושלם (אור החיים שמות יט, ב).

**י.** פאלגנד איז דאס גאנצע לשון: ״׳בראשית׳, אמר רבי יצחק לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מ׳החודש הזה לכם׳, שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל, ומה טעם פתח בבראשית, משום ׳כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים׳, שאם יאמרו אומות העולם לישראל לסטים אתם, שכבשתם ארצות שבעה גוים, הם אומרים להם כל הארץ של הקדוש ברוך הוא היא, הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו, ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו״.

**יא.** ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (ב״ר ב, ג): ״רבי יהודה בר סימון פתר קריא בדורות, ׳והארץ היתה תהו ובהו׳ זה אדם הראשון שהיה ללמה ולא כלום, ׳ובהו׳ זה קין וכו׳, ׳וחושך׳ זה דורו של אנוש וכו׳, ׳על פני תהום׳ זה דור המבול וכו׳, ׳ורוח אלקים מרחפת על פני המים׳ על שם ׳ויעבר אלקים רוח על הארץ׳, אמר הקדוש ברוך הוא עד מתי יהא העולם מתנהג באפילה, תבוא האורה, ׳ויאמר אלקים יהי אור׳ זה אברהם, הדא הוא דכתיב (ישעיה מא, ב) ׳מי העיר ממזרח צדק׳ וגו׳, אל תקרא ׳העיר׳ אלא ׳האיר׳״.